STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03530

IDISH IN AMERIKE MUZ GAYN BARG AROYF!

Ascher Penn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אשר פען

אידיש אין אמעריקע מוז גיין בארג ארויף!

צייטמעסיגע פראגן, אנאליזן און פלענער ווי אזוי צו ראטעווען די אידישע קולטור אין אמעריקע פון אונטערגאנג. — פונקטן צו דער פראָגראם פאר א נייער אידישער קולטור־באוועגונג דאָ אין לאנד.

די דאָזיקע סעריע אַרטיקלען איז
געדרוקט געוואָרן אין די „אידישע
וועלט", פילאַדעלפיע, פון 20טן
אַפּריל ביז דעם 29טן אַפּריל, 1941

הויפּטפּאַרקויף:

אין ניו־יאָרק: בידערמאַנ'ס בוכהאַנדלונג

182 — 2טע עוועניו

אין פילאַדעלפיע: מאַלערמאַנ'ס בוכהאַנדלונג,

504 פיין סטריט

Copyright by

ASCHER PENN

Philadelphia, Pa.

28

FEDERAL PRESS
406 Vine Street
Philadelphia, Pa.
1941

פון זעלבן מחבר:

האַטואיי (פּאָעמע), 136 זייטן

ארויסגעגעבן פון דער אידישער קולטור
געזעלשאַפט, האַוואַנער צווייג.
האַוואַנאַ, קובאַ, 1931

דער גאָלדענער פאָנטאַן (מעשה'לאך אין פערזן)
116 זייטן, האַוואַנאַ, קובאַ, 1934

האַטואיי (פּאָעמע) אין שפּאַניש, 96 זייטן,
האַוואַנאַ, קובאַ, 1935.

א נייע באוועגונג דארף געשאפן ווערן — צו באשיצן די אידישע קולטור אין אמעריקע.

דער קריזיס פון דער אידישער קולטור. — בארג אראָפּ. — געקינצלטער אָפּטימיזם וועט ניט העלפן. — מיר דארפן אָפּטימיסטן אזעלכע, וואָס זאָלן באגרייפן די שווערקייט פון שארפן קריזיס און דאָך זיין ענטשלאָסען צו קעמפן. — ווי אזוי די רעגירונג פון אָנקל סעם ראטעוועט די וועלדער פון הפקרותדיגע האָלצהעקער און וואס מיר קענען לערנען דערפון. — א באוועגונג פון קוואליטעט און ניט קוואנטיטעט. — מיר האָבן נאָך א יוגנט.

אז די אידישע קולטור אין אמעריקא לעבט איצט איבער א שווערן קריזיס — אין דעם זיינען מיר אלע איינשטימיק.

אלע אונזערע קולטור־אינסטיטוציעס — די פרעסע, דער טעא־טער, די שול, דאָס בוך — זיינען אריינגעפאלן אין א צושטאנד פון כראָ־נישער פארגליווערטקייט און האבן ביסלעכווייז אנגעהויבן איינצו־שרומפן. דער קראנקער צושטאנד פון אלע אונזערע ביז־איצטיקע דער־גרייכונגען מערקט זיך שוין פון יארן לאנג, אבער פאר דער לעצטער צייט

האט דער בנין פון אונזער אידישער קולטור דאָ אין לאנד זיך אנגע־הויבן איינצובויגן — און דער קריזיס אין זיין גאנצער שארפקייט, מאַנט קאלט און בייז אן ענטפער:

וואס וועט זיין?

מיט א שטארקן אימפעט באַרג־אַראָפּ האבן די שטיינער פון צעפאלונג אָנגעהויבן זיך קייקלען אויף אונזער גאס, און צי איר ווילט יע צי איר ווילט ניט — איר מוזט זיך אָפּשטעלן און געבן א טראכט: ביז ווי לאנג קען עס אזוי אנגיין?

און ווי אָפּטימיסטיש איינער זאל ניט זיין און ווי גוט ער זאל זיך ניט וועלן איינרעדן, אז אזא אָדער ענליכער קריזיס האָט שוין אמאָל געהערשט אויף דער גאס פון אידישן וואָרט; אז מ'האט שוין מיט יארן צוריק געקלאפט אין די פויקן, געקלונגען די גלעקער פון אלארם — און אָט, זעט איר דאָך! (ס'הייסט אידיש עקזיסטירט נאָך אלץ) — איז ווען אזא געקינצלטער אָפּטימיסט גיט טאקע א קוק — דערזעט ער, ווי די אידישע פּרעסע פארלירט לייענער; אידישע זשורנאלן שטעלן זיך אָפּ; אידיש טעאטער פוסטעוועט; אידישע ביכער שימלען אויף די פאליצעס אדער שוין גאָר אין די קעלערן פון די בוכהענדלער; אין דער אידישער שול ווערן שיטערער די רייען.

און פאר דעם שטארקסטן אָפּטימיסט ווערט שוין קלאָר, אז עפּעס מוז געטאָן ווערן.

עפּעס מוז געטאָן ווערן — אויב מיר ווילן, אז דאס אידישע וואָרט זאָל אפגעהיט ווערן, זאל פּרעזערווירט ווערן, און זאל נאָך לעבן אויף ווייטער צווישן אונז.

אבער צו וואס רעדן וועגן אָפּטימיסטן ביי אונז אויף דער אידי־שער גאס, ווען אזעלכע זיינען שוין דאָ אזוי ווינציק, כמעט ווי גאָר־נישט? כאָטש באמת פעלן אונז די אָפּטימיסטן פון גאָר אן אנדער סאָרט. אונז פעלן מענשן, וועלכע זאלן זיין געגליכן צו פייערלעשער אָדער גאָר דאָקטוירים. מענשן, וואָס זאָלן זען די גאנצע געפער־

ליבקייט פון דעם איצטיקן קריזיס פון דער אידישער קולטור אין אמע־ריקע און דאָך זיין גרייט זיך ארייננצוואווארפן אין דער ארבייט, כדי צו ראטעווען, כדי צו היילן, כדי צו אריינבלאָזן א נייעם אטעם. אָט אזעלכע מענשן דארפן מיר, וואָס זאָלן אנערקענענדיק און אפילו אי־בערטרייבנדיק די ערנסטקייט פון דער סיטואציע, זיין גרייט אָנצו־פאנגען מיט נייעם שוואונג און ברען א נייע באוועגונג פאר אידיש אין אמעריקע. אונז פעלן מענשן, אין אונזער אידישער קולטור וועלט, יועלכע זאָלן זען די גאנצע שווארצקייט אפילו שווארצער; דעם גאנצן טרויער אפילו טרויעריקער ווי ער איז; דעם גאנצן קריזיס פיל שארפער ווי ער איז — און דאָך, און טאקע ווייל אזוי — זאָלן זיי זיין גרייט זיך ארייננצעוואַרפן אין דער ארבעט און אריינברענגען ניי לעבן, נייע האָפנונג, נייע פארלאנגען. ווייל פונקט דאן ווען עס ווערט פינסטער — דארפן מיר, מוזן מיר האָבן מער ליכט. פונקט דאן, ווען די כוחות הויבן אונז אָן צו פארלאָזן, מוזן מיר האָבן מער קראפט.

אויף דער אידישער קולטור גאס, וואו צוליב אזוי פיל אורזאכן הערשט איצט א מוראדיקער קריזיס און אויך א פאראליזירנדע אפהענ־טיקייט — דארפן מיר האָבן אָט דעם סאָרט מענשן, וואָס זאָלן דוקא אויף צו להכעיס די אומשטענדן ארויסקומען און אָנפאנגען א נייע, א באנייטע באוועגונג פאר אידיש אין אמעריקע.

און אונזער נייע באוועגונג פאר אידיש אין אמעריקע דארף טראגן דעם זעלבן אדער ענליכן כאראקטער, וואס עס טראגט די בא־וועגונג פון דער אמעריקאנער רעגירונג צו ראטעווען די וועלדער פון אמעריקע פון אונטערגאנג. ווי באוואוסט זיינען די פאראייניקטע שטאטן געווען אין דער געפאר צו פארלירן א באדייטנדן טייל וועלדער צוליב דעם, ווייל די הפקרותדיקע האָלצהעקער האָבן די וועלדער גע־האקט אויף רעכטס און לינקס, ניט טראכטנדיק וועגן די טרויעריקע רעזולטאטן צו וואָס דאָס קען ברענגען. זיי האָבן געהאקט די וועלדער, און קיין נייע וועלדער ניט פארפלאנצט. און א גרויסע טייל פון לאנד איז געשטאנען פאר דער געפאר צו ליידן פון פרוכטלאָזן באדן.

איינזעענדיק און אנערקענענדיק דעם טרויעריקן צושטאנד — האָט די אמעריקאנער רעגירונג ענטוויקלט א פּראָגראם פון באשיצן די וועלדער. ערשטנס: איז גלייך אָנגעפאנגען געוואָרן א ברייטע פּראָפּאגאנדע צווישן די האָלצהעקער און האָלצהענדלער: מ'האט זיי דערקלערט וועגן דער צוקונפט, וועגן וועלכער א מענש דארף זיך אמאָל א זאָרג טאָן. און ס'איז איינגעפירט געוואָרן א גאנצע סיסטעם פון פארפלאנצן נייע, יונגע וועלדער. „סיוויל-קאנסערוויישאָן-קאָרפּס״. אפשר האט איר געהערט וועגן זיי, באקענט אונטער די ראשי-תיבות פון „סי-סי-סי-קעמפּס״. קעמפּס צו קאָנסערווירן דאָס נאטור-לעבען, די וועלדער פון אמעריקע. קעמפּס, וואו עס געפינען זיך יונגע מענשן, וואָס טוען אָט די באמת הייליקע ארבייט: זעען אז דאָס לאנד זאָל ניט פארוואנדלט ווערן אין קיין טרוקעניש, זעען, אז די פרוכטבארע פעלדער זאָלן ניט פארוויסטעט און פארדארט ווערן.

אָט אזא ענליכע באוועגונג דארפן מיר איצט אָנפאנגען אין אמעריקע. יונגע — און עלטערע מענשן, וועלכע פילן זיך נאָך גענוג יונג און מוטיק צו גלויבן אז אידיש אין אמעריקע קען און דארף נאָך בליען, — דארפן זיך אָרגאניזירן צו טאָן מיט אידיש דאָס זעלבע, וואָס די אמעריקאנער רעגירונג טוט מיט די וועלדער: ראטעווען אידיש פון די ווילדע הפקרותדיקע האָלצהעקער. ראטעווען די אידישע קולטור פון אונטער דער האק פון אסימילאציע און הפקרותדיקער באציאונג. אָבער ניט בלויז ראטעווען, נאָר פּרעזערווירן, באשיצן, אויפהאלטן.

מיט דעם פולן באוואוסטזיין, אז יעדער קולטור האָט עפּעס אייגנארטיקעס, כאראקטעריסטישעס, נשמהדיקעס, דארפן מיר ארויסקומען און אויפהאלטן דאָס בעסערע, דאָס שענערע, דאָס פיינערע. אָט די עלעמענטן אין אונזער אידישער קולטור, וואס צען האליוואוד-אימפּעריעס מיט זייער גאנצן גלאנץ; הונדערט בראָדוויים מיט זייערע פארשיכורנדע ליכטער; טויזנטער מעין סטריטס איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון אמעריקע קענען ביי אונז ניט צונעמען. מיר דארפן אָנפאנגען א קאמף פאר דעם בעסערן אין אידישן בוך; פאר דעם

שענערן אין אידישן טעאטער: פאר דעם פיינערן אין דער אידישער מואווי; פאר דעם אינהאלטסרייכן אין אידישן געדרוקטן וואָרט.

עס דאַרף אָנגעפאנגן ווערן א באוועגונג, וואָס דאַרף גראד ניט רייסן זיך צו פארגרעסערן אירע רייען אין קוואנטיטעט, אין צאָל. עס דאַרף זיין א באוועגונג פון קוואליטעט — פון מענשן, וועלכע שטייען מיט דעם אידישן וואָרט בלב ונפש, מיט הארץ און נשמה. מענשן, ביי וועמען דאָס אידישע וואָרט פליסט אין זייער בלוט, מענשען, וועמען דער אידישער לעבנסשטייגער איז טייער.

עס זיינען דאָ אין אמעריקע, צעזייט און צעשפרייט איבער אלע עקן פון לאנד, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער נאָך גאנץ יונגע אידישע מענשן, צווישן 30 און 40, און יונגערע, און אויך עלטערע, וועלכע זיינען אידיש און אידישיסטיש הונדערט און פופציק פראָצענט. אָט צו די אלע מענשן, צו זיי דאַרף קומען א נייער רוף: אידיש-רעדנדיקע, אידיש ווירקנדע מענשן — וואכט אויף! נעמט אייך צוזאמען! פאנגט אָן א נייעם קאמף צו באשיצן דאָס אידישע וואָרט פון אונטערגאנג. האנט אין האנט; ארעם אין ארעם — פארזאמלט אייך! אין אייער פולן באוואוסטזיין, אז אידיש איז דער קווינט - עסענץ פון אייער גייסטיקער עקזיסטענץ, פאראייניקט אייך צו באשיצן, אויפהאלטן און פרעזערווירן דאס אידישע קולטורעלע לעבן.

עס דאַרף זיך אָנהויבן צו רודערן אין דעם לאַגער פון דער אידישער קולטור־וועלט

פאַרוואס מיר דאַרפן גראד איצט ארויסקומען מיט א רוף צו פאַרשטאַרקן די אידישע קולטור־פּאָזיציעס.—די מיסיע פון די אמעריקאַנער אידן בכלל און פון די אידישע קולטור־קעמפער בפרט. — אין אלע לאַגערן פון אי־דישן לעבן דאָ אין לאַנד רודערט זיך, בלויז אין אידישן קולטור לאַגער איז אלץ פאַרגליווערט. — די פראַגע וועגן דער צוקונפט און וואס מיר דאַרפן טאָן. — א בלבול וואס פּאַראַליזירט.

די אידישע קולטור מענשן אין אמעריקע דאַרפן גראד איצט ארויסקומען מיט א רוף, צו פאַרשטאַרקן די אידישע קולטור פּאָזיציעס, ווייל אויף דעם אידישן פאָלק אין אמעריקע איז אין איצטיקן מאָמענט ארויפגעלעגט געוואָרן א היסטאָרישע מיסיע.

די מערסטע אידישע ישובים אין אייראָפּאַ ליגן איצט אין בלוט פאַרגאָסן. אונזערע וויכטיקסטע קולטור צענטערס פון יענער זייט ים זיינען צעטראָטן געוואָרן פון די בעסטיאַלע טריט פון די פאַרניכ־טער פון אלץ, וואס איז אונז ליב און טייער. דער איינציקער צענט־

ראלער געזונטער אידישער ישוב, וואָס איז פארבליבן און קען באווירקן, איז דער אידישער ישוב פון די פאראייניקטע שטאטן. אויף אונזערע פלייצעס איז ארויפגעלעגט געוואָרן די אויפגאבע פון זיין דער קוראַטאָר, דער מלאך הגואל, דער היילער פון דעם קראנקן קערפער פון אונזער פארוואונדעטן אידיש פאָלק.

אלע באוועגונגען פון אידישן פאָלק אין אמעריקע זיינען אָרגאניזירט און רעאָרגאניזירן זיך, כדי צו ענטפערן אויף דעם ערנסטן רוף פון טראגישן מאָמענט. אין וועלכן ווינקל פון אונזער אידישן געזעלשאפטליכן לעבן מיר זאָלן זיך ניט קערן, זעען מיר אז אין יעדן לאגער איז מען אקטיוו-פיזיש און גייסטיק — יעדער צוויג טוט זיין ארבעט, כדי אויפהאלטן דעם מוט און גלויבן אין די אידישע מאסן. צי דאס איז דער דזשאָינט, צי דאס איז די ציוניסטישע ארגאניזאציע, צי דאס זיינען די פארשידענע אנדערע נאציאָנאלע און לאָקאלע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס — זיי אלע האָבן איצט אָרגאניזירט אלע זייערע קרעפטן כדי צו באגעגנען די פאָדערונגען פון מאָמענט, און ערפילן דעם חוב וואס איז אויף זיי ארויפגעלעגט געוואָרן. אפילו אין די איצטיגע שווערע מלחמה-טעג פירט דאס אָרטאָדאָקסישע אידענטום אָן א באוועגונג פאר פאָנדן כדי ארויסצוראטעווען אזוי פיל און אזוי פיל ישיבות, אזוי פיל און אזוי פיל ישיבה בחורים, און אזא און אזא צאָל רבנים און למדנים. סיי די אמעריקאנער אָרטאָדאָקסישע אידישע וועלט, סיי די ציוניסטישע, סיי די פילאנטראָפישע, סיי די בונדיסטישע, די אידיש סאָציאליסטישע, אלע צווייגן פון אידישן לעבן האָבן זיך אָרגאניזירט פאר דעם קריטישן מאָמענט — און זיי טוען קאָאָרדינירונגס-ארבעט, רעטונגס ארבעט, — זיי ענטפערן אויף דעם רוף פון דער צייט.

איז אויף אונז אידישע מאסן דאָ אין אמעריקע אונדירעקט ארויפגעלעגט געוואָרן דורך דעם איצטיקן שווערן קאמף אין אייראָפא אזא מין סאָרט מיסיע:—צו זיין דער גרויסער אידישער ישוב וואָס זאָל אויפהאלטן די פאָזיציעס פון דער אידישער קולטור.

עס איז פיל שוין גערעדט געוואָרן און אפשר ניט וויניקער געשריבן געוואָרן וועגן דעם, אז אמעריקע ווערט דער צענטער פון דער מאדערנער אידישער קולטור. אמעריקע מיט אירע 5 מיליאָן אידן; אמעריקע וועלכע איז אויך געוואָרן דער עיר מקלט, דער אנטרינונגס פלאץ פון דער אנפירנדער אידישער אינטעליגענץ אין אייראָפּע; אמעריקע, וואו עס געפינען זיך די הויפּט ארגאניזאציעס און אינסטי-טוציעס פון אידישן שאפן; דארף איצט דאָ אין די פאראייניקטע שטאטן טאקע אָנגעפאנגן ווערן א באוועגונג פאר א נייעם שוואונג פון אידיש, פון דער אידישער קולטור.

סיי אין דעם נאָמען פון די מיליאָנען אידן אין אייראָפּע, וועלכע זיינען איינגעשפּארט געוואָרן אין די שוידערליכע געטאָס, אבער הויפּט-זעכליך אין אונזער אייגענעם נאָמען דארפן מיר גראד איצטער אָנ-פאנגן די נייע באוועגונג. מיט נייעם גלויבן, מיט נייעם מוט, און דער עיקר ניט וועלן פאראויסזען די געשעענישן פאר דער ווייטער צו-קונפט, נאָר אפשר טאקע פאר היינט, פאר דער געגנווארט, פאר אונז אליין טאקע — דארפן מיר אָנהויבן אָט די נייע באוועגונג פון ארייַנצושפּריצן נייַ בלוט אין די אָדערן פון דער אידישער קולטור אין די פאראייניקטע שטאטן.

שטענדיק, ווען מיר הויבן-נאָר אויף די פראגע פון אידיש אין אמעריקע, קומט אונז גלייך אנטקעגן ווי א געשפּענסט דער גרויסער פראגע צייכן: נו, און וואס איז מכח דער צוקונפט? וואס הערט זיך מיט דער יוגנט? מיט דעם נייעם דור? מיט די אמעריקאנער געבוי-רענע? וואו זיינען זיי?

ווילן מיר ניט אוועקמאכן מיט דער האנט אָט די וויכטיקע פראגע. ווייל יעדן איינעם פון אונז איז צו גוט באוואוסט דער ניט גאָר פריילי-כער צושטאנד, אז די אמעריקאנער געבוירענע יוגנט קומט ניט, איז ניט מיט דער באוועגונג פון דער אידישער קולטור. עס קען אָבער אסך געטאָן ווערן אין דער דאָזיקער ריכטונג, ווען מיר וועלן ניט האלטן זיך אליין אין פאראליזירן מיט דעם געדאנק, מיט דער שרעק, אז די בא-וועגונג פון אידישער קולטור האָט שוין מיט זיך אינגאנצן ניט קיין

יוגנט. עס איז ניט אמת. עס איז א בלבול. אונזערע געשוואוירענע קולטור טוער און די טראַדיציאָנעלע קלאָג-מוטערם האָבן קיינמאָל ניט דורכגעפירט קיין סטאַטיסטיק צו וויסן גענוי דעם עלטער פון די וואס לייענען אידיש, פון די וואָס פילן אידיש, פון די וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דער אידישער קולטור און אין איר צוקונפט.

צווישן די קרוב 5 מיליאָן אידן אין אמעריקע זיינען נאָך דאָ צענדליקער טויזנטער אידיש-רעדנדיקע, אידיש לייענענדיקע אידן אין עלטער פון די צוואנציקער, אין די דרייסיקער און די פערציקער. מענשען אין זייער בליענדסטער עלטער. אָט די דאָזיקע טויזנטער אידישע אידן, מאָדערנע מענשן, ווערן ווי דערטרונקן אין דעם ים פון די עלטערע, וועלכע האלטן אין איין איבערחזרן דעם שפרוך, אז מיר שטארבן. מיר גייען אונטער. און דער ריח פון בית עולם, דער גייסט פון בית הקברות פארשפרייט זיינע פליגל אויפ'ן פעלד פון אידישער ווירקונג.

אונזער „אידיש־ארמיי״, אידישע קולטור טוער באוואפנט מיט גלויבן און מוט

דער סוד ווען א קליינע ארמיי קען קעמפן געגן א פיל שטארקערן שונא און זיגן. — אונזער „אידיש ארמיי״ וואס מיר דארפן אָרגאניזירן. — די אידישע אָר־גאניזאציעס. — אמעריקע — דאס לאנד פון דער מאָדערנער טעכניק און מאָדערנעם מעטאָד. — מיר האָבן ניט געלערנט ווי אזוי צו פארקויפן "אונזערע פראָדוקטן״. — ווען א גרויסער זשורנאל גייט אונ־טער. — וואס טוען אידן און וואס וואָלטן גוים גע־טאָן. — קינה׳ס אליין העלפן ניט.

צו א קליינער, ענטשלאָסענער, העלדישער ארמיי דארפן געגלי־כען ווערן די אידיש־קעמפער, וואס דארפן זיך אויפסניי ארגאניזירן אין פעסט־געשמידטע גרופן. מיר דארפן אָרגאניזירן אן „אידיש־ארמיי״.— אן „אידיש־ארמיי״, וואס זאל ניט פאראליזירט ווערן פאר דעם גע־שפענסט פון דער גרויסער אסימילאציע.

מיר ווילן ניט פארגלייכן די ארומיקע אמעריקאנער קולטור צו אן ארמיי, וואָס וויל אונז באצווינגען. און דאָס איז אפשר טאקע די

צרה. ניט געצוואונגענערייד ווערט אונזער אידישע קולטור אריינ־געכאפט אין א נעץ פון דעם אמעריקאניזם. ביסלעכווייז עסט זיך די מעכטיקע לאנד־קולטור אריין אין דעם קערפער פון אונזער אידישיזם. איז דער קאמף אונזערער טאקע א נאָך מער ביטערער, א נאָך מער ענטשיידענער, דארפן מיר דערפאר טאקע א נאָך מער שטארקערן גלויבן, א נאָך מער געפאנצערטן ווילן. אָבער פונקט ווי די העל־דישע אויסגעפרובירטע סאָלדאטן אין א מוסטעראפטן קאמף קעגן די ארײנדרינגער, אזוי טאָרן מיר ניט פארלירן אונזער גלויבן, אונזער האָפנונג. מיר דארפן אויסשמידן באוואוסטזיניק אונזער ווילן, אז מיר קענען ניט אונטערגיין, אז מיר וועלן ניט אונטערגיין. און דער עיקר —מיר טאָרן בשום אופן זיך ניט לאָזן פאראליזירן פון דעם שרעק, אז מיר גייען שוין אונטער, אז מיר זיינען שוין גאָר אונטערגעגאנגען, און אז מיר האָבן שוין פארלוירן.

ווייל אז מ׳גייט־צו צו וועלכן ניט איז קאמף, מיט דעם געדאנק, אז אלץ איז שוין פארלוירן, איז ניט נאָר דער קאמף א פארלוירענער אין פאראויס, נאָר אויך דער קעמפער איז שוין טויט, דענקנדיק אז ער לעבט נאָך . . .

די אידישע פרעסע האט נאָך אין אמעריקע הונדערטער טויזנטער לייענער. די אידישע ארגאניזאציעס האבן הונדערטער טויזנ־טער מיטגלידער. אין די אידישע קינדער שולן לערנען צענדליקער טויזנטער קינדער, אמעריקאנער געבוירענע. דער אידישער טעאטער ציט נאָך אן עולם פון טויזנטער, צענדליקער טויזנטער. אידישע מואווי בילדער האבן זיך אויך אין פילע פאלן ארויסגעוויזן אלס אן ערפאָלג. אין אידישן טעאטער, ווען עס ווערט נאָר געוויזן א בעסערע פיעסע, קומען אויך פיל אמעריקאנער געבוירענע אידישע קינדער. ווען עס יוערט געוויזן א בעסערע אידישע בילד אויפ׳ן לייוונט, ווייזן זיך אויך די היגע געבוירענע אידישע קינדער.

אזוי ארום ווען מיר ציען אונטער א סך־הכל זען מיר, אז אונזער פעלד פון טעטיקייט און ווירקונג איז נאָך אלץ ברייט אויסגעשפרייט.

עס איז א פעלד, א ברייט פעלד. דער עיקר אבער, וואס עס פעלט אונז, איז דער מאָדערנער אופן ווי אזוי צו אקערן אונזער פעלד און ארויסקריגן דערפון וואָס מער. וואָס מער פרוכט און וואָס מער פאַר־זיכערונג אויף דער צוקונפט.

יע, אָט דאָ באַרירן מיר איינעם פון די שוואכסטע פונקטן אין אונזער אידישער קולטור־וועלט אין אמעריקע. אזוי ווי א פאראדאָק־סאלע דערשיינונג, אזוי זעט אויס די סיסטעם פון אונזער אידישער קולטורעלער טעטיקייט אין פארגלייך מיט אלץ און אנאנדער, וואָס גייט־אָן מיט דעם שטארקסטן און אָרגאניזירטסטן טעמפּאָ ארום אונז. אמעריקע איז דאָס לאנד פון דער מאָדערנער טעכניק, פון דעם מאָדער־נעם מעטאָד. נאָך איידער א זאך ווערט דאָ געבוירן, ווייסט שוין קינד־און־קייט וועגן דעם. נאָך איידער דער ארטיקל איז אויסגעארבעט, ווארטן שוין אויף דעם הונדערטער, טויזנטער אגענטן און דער בריי־טער עולם איז שוין „אָנגעצויגן” און קוקט ארוים מיט אומגעדולד. ביי יעדער אונטערנעמונג אין אמעריקע, אפילו ווען עס קומט צו א בוך, צו א זשורנאל, צו א טעאטער, צו א בילד, צו א שול, ווערט באַנוצט א גוט־ארגאניזירטער אפאראט, וואס שיילט אין די טרומייטן, וואס קלאפט אין די פויקן, וואס זאגט אָן אויף דעם ברייטסטן פארנעם: עס גרייט זיך! עס גייט, עס קומט! אָט איז עס שוין דאָ!

עס ווערט געשאפן אטמאָספערע. עס ווערט געבוירן א פאר־לאנג! עס ווערט אָנגערייצט אַן אומגעדולדיקע דערווארטונג.

און דער עיקר איז, ווי מיר האבן שוין געזאגט: דער ארטיקל ווערט פארקויפט.

און אָט דער מאָמענט פון ריכטיק פארקויפן, געעריק פאר־שפרייטן, פעלט אונז ביי אונזער אידישער קולטור. עס פעלט אונז דער מאָדערנער געוואגטער צוגאנג צו אונזער אוידיענץ. אָט דער אמערי־קאנער אופן פון אָנרעגן דעם קאָנסומירנדן עולם צו נעמען, צו כאפן דעם געשאפענעם פראָדוקט. און דאָ אין אמעריקע האט זיך אויסגעארבעט אזא סיסטעם, וואָס ארבעט זייער ערפאָלגרייך. דער

עולם וויל אפשר גאָר ניט דעם בוך — רעדט מען אים איין, ער זאָל עס וועלן. די ראַדיאָ, די פּרעסע, די מאַוויס אפילו ווערט באַנוצט, אַז דער לייענער זאָל קריגן א חשק צום לייענען דוקא דעם בוך און ניט קיין אַנדערן. עס דערשיינט אַן ענציקלאָפּעדיע, אָדער אַן האַנט־בוך אין ענגליש — מעגט איהר הערן ווי דער ראַדיאָ אַנאַונסער דער־לאַנגט אייך א דרשה, טאַקע אויף דעם קולטורעלסטן און בעסט־ערצויגענעם אופן, אַז פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל, פאַר א דאָלאַר מיט 67 סענט און א האַלב, ניט מער און ניט ווייניקער, קריגט איר אַריין דאָס בוך, וואָס איז אַזוינס און אַזעלכעס. ס'איז ווערט 10 מאָל אַזוי פיל. ס'איז א יקר המציאות. ס'איז א נויטווענדיקייט, אַז איר זאָלט עס האָבן אין אייער הויז. אָן דעם דאָזיקן בוך קענט איר און אייערע קינדער ממש זיך ניט באַגיין.

אָט אַזאַ מין אָדער ענליכער אופן מוז באַנוצט ווערן ביים ווידעראויפלעבן דאָס אידישע וואָרט. מיר דאַרפן אויפרייסן אַן עקשנותדיקען, א טיף־איינגעשפּאַרטן דראַנג אין די אידיש־רעדנדיקע, אין די אידיש לייענענדיקע מאַסן אין אַמעריקע. מיר דאַרפן אָבער באַנוצן אונזערע בעסטע קולטורעלע פּראָדוקטן, רעדנדיק אויף „ביז־נעס" לשון, ביים דערגרייכן דעם ברייטן עולם.

יע, עס איז נאָך דאָ א מאַרק פאַר אידיש אין אַמעריקע. כדי אָבער צו האָבן ערפאָלג אויפ'ן אידישן מאַרק, דאַרפן מיר האָבן דעם נייעם מאָדערנעם צוגאַנג. עס קענען נאָך פאַרקויפט ווערן אידישע ביכער. עס קענען פאַרשפּרייט ווערן טויזנטער אידישע ביכער, ווען מ'זאָל באַנוצן דעם זעלבן מעטאָד ווי די ענגלישע ביכער פאַרקויפער. עס קענען פאַרשפּרייט ווערן אידישע זשורנאַלן, ווען די אידישע זשורנאַלן זאָלן פּראָפעסיאָנעל אפילו באַנוצן אַזוי פיל אַגרעסיווע סובסקריפּשאָן־אַגענטן ווי די ענגלישע זשורנאַלן. די בעסטע, די גרעסטע ענגלישע זשורנאַלן פאַרלאָזן זיך ניט אויפ'ן לייענערס ווילן אַליין. זיי וואַרטן ניט, אַז דער קורא הנכבד, דער טייערער לייענער, זאָל זיך אַליין מטריח זיין און אַריינשיקן זיין אַבאָנענט. די רייכסטע, די מעכטיקסטע אַמעריקאַנער זשורנאַלן באַנוצן הונדער־

טער אגענטן, און וואס־פאר־א מיטלען צום פארקויפן די זשורנאלן באַ־נוצן עס ניט אַט די דאַזיקע אגענטן? א גאנצע וויצן־ליטעראטור איז דאָך שוין געשאפן געוואָרן וועגן דעם.

עס איז ניט אינגאנצן אמת, אז ביי די אידן אין אמעריקע איז שוין ניטאָ קיין פארלאנג צו האָבן א גוטן זשורנאל, א ליטעראַרישן זשורנאַל. עס איז זיכער דאָ. אָבער אויב אזא זשורנאל גייט חלילה אונטער, ווערט די גאַר גרעסטע מערהייט פון אידישן פאָלק ניט רייסן קיין קריעה און ניט זעצן זיך וויינען. און מיר זאָגן, אז עס איז אפשר נאַטירליך אויך. ווייל מ׳דארף ניט אז א פאָלק זאָל וויינען. זאָל לאָמיר זאָגן, אונטערגיין דער וויכטיקסטער אמעריקאנער זשורנאַל, וועלען די אמעריקאנער ניט וויינען. וואס זשע, פרעגט זיך, וועלן זיי טאָן? זיי וועלן (ניט דאס גאנצע פאָלק) נאָר א פאָר מענשן, עקשנים, זיך פארקאשערן די ארבל און — א נייער זשורנאל וועט געגרינדעט ווערן.

אַט דאס זעלבע דארף פאסירן אויך ביי אונז אידן.

„דער קעניג איז געשטאָרבן — לאנג לעבן זאל דער קעניג״ — קען דאָ באנוצט ווערן אין א סימבאָלישן זין. איין זשורנאל אונטער־געגאנגען — א צווייטער זשורנאל דארף געשאפן ווערן.

מיט פעסימיזם, מיט פארלוירנקייט האָט נאָך קיינער גאָרנישט ניט אויפגעטאָן. ווען מען האט אבער א שטאַרקן גלויבן, דאמאלס קען מען אלעם דורכפירן. און רעדנדיק וועגן אזא אונטערנעמונג ווי א זשורנאל — איז עס זיכער א דורכפירבארע זאך. קיינער וועט קיי־נעם ניט קענען איבערצייגן, אז איבער גאנץ אמעריקע, צווישן 500 טויזנט אידיש־לייענער קען מען ניט קריגן 10 טויזנט, וועלכע זאָלן ניט וועלן געבן 3 דאָלאר א יאָר פאַר א אידישן זשורנאל. און ווידער אמאל זאגן מיר — מ׳קען קריגן פיל מער ווי 10 טויזנט לייענער. אבער מ׳דארף ניט טראכטן, אז די לייענער וועלן טראגן דעם אבאָנענט אנטקעגן. מ׳דארף זיי איינריידן. ניט בעסער און ניט ערגער ווי עס ווערט פארקויפט אן אבאָנענט צו אן ענגלישן נאציאָנאלן זשורנאל.

אַט דאס דארפן מיר. א ריכטיקן „סעילס־טאָק״, א ריכטיקן

מעטאָד, אן אגרעסיוון, אן איינגעשפּארטן, סיי ביי אונזערע זשורנאלן, סיי ביי אונזערע צייטונגן אפילו, סיי ביי אונזער טעאטער. מיר דארפן א פארוואלטונג מיט גלויבן. דאמאלס וועלן מיר ניט דארפן זיך ארומטראָגן מיט די קינה'ס אין קעשענע און אויף יעדן ראָג פון דער אידישער קולטור־גאס גיסן טרערן.

מיר דארפן ארבעט. אָט דאס אלץ. אקטיוויטעט, אין א גאנצער ריי גרעסערע אידישע צענטערס איבער אמעריקע איז שוין אידיש טעאטער כמעט ווי ארונטער פון די ברעטער. ארונטער, און אָט וויינט מען שוין אויך אויפן אונטערגאנג פון אידישן טעאטער!

דארף מען טאקע וויינען? און צי וועט וויינען העלפן? און איז דאס טאקע אמת, אז אידיש טעאטער קען שוין ניט עקזיסטירן אין אזעלכע שטעט ווי פילאדעלפיע, ווי שיקאגא, ווי קליוולאנד, באָסטאָן און אנדערע גרעסערע אידישע צענטערס?

ניין. קלאָגן וועט ניט העלפן. און אידיש טעאטער קען נאָך גאנץ פיין עקזיסטירן. קען נאָך גאנץ פיין לעבן. וואס עס פאָדערט זיך — איז ווידעראמאל דאס זעלבע. ארבעט.

אידיש טעאטער אנשטאט בארג אראָפּ — קען נאָך גיין בארג ארויף!

אידיש טעאטער קען עקזיסטירן און דארף עקזיסטירן.— מיט אלע דרייענדיקע בינעס און קונציקסטע בינע עפעקטן, איז דאָס אידיש טעאטער געבליבן אונטערשטעליק אויף צענדליקער יאר. — א באוועגונג פאר לאָקאלע טעאטער גרופן אויף דער אידישער גאס. — די קליינע ענגלישע טעאטערס, וואָס עקזיסטירן איבער אמעריקע, און וואס מיר קענען לערנען פון זיי. — טעאטער אלס א שטעקן מיט צוויי פּאָזיטיווע עקן. — די שול־פארוואלטונגן, די שול טוער און וואָס זיי קענען טאָן פארן אידישן טעאטער.—

אין די וויכטיקע אידישע צענטערס און אפילו אין די קלענערע אידישע פונקטן דארפן אָרגאניזירט ווערן קערנדיקע גרופן. טעאטער גרופן. אויף דעם טעאטער געביט דארף אָנגיין דאָס זעלבע, ווי אויף אלע אנדערע אידישע קולטור געביטן. מיר דארפן זיך אפשר ניט יאָגן נאָך די צענדליקער טויזנטער. מיר דארפן אָבער יע פאראייניקן ארום דעם בעסערן אידישן טעאטער, דעם בעסערן אידישען טעאטער־

גייער. אַט די אידישע טעאטער־פּאטריאָטן, וואס אידיש טעאטער מיינט פאר זיי נאָך מער ווי בלויז שפּיל. טעאטער גייער, פאר וועלכע אידיש טעאטער מיינט א טייל פון זייער גייסטיקער עקזיסטענץ. און אז מיר רעדן שוין דאָ וועגן דעם טעאטער אלס קולטור צענטער, וועט אפשר שוין דאָ אויך זיין נויטיק אָנצעווייזן אויף דעם פאקט אז אידיש טעאטער מיט אלע מאָדערנסטע בינע עפעקטן, מיט די בעסטע דעקאָראציעס, מיט די געשיקטסטע דרייענדיקע בינעס, איז געבליבן אונטערשטעליק אויף מער ווי 25 יאָר אידיש לעבן אין אמעריקע. אויף דער אידישער בינע הערשט טאָג איין טאָג אויס נאָך אלץ די אידישע באָרד און פּאות; דאָס בית המדרש; דאָס אלטע שטעטל; די פארפירטע מיידל; דער קלאסישער דאָקטאָר, וואס פארלאָזט דאס ארימע שאפּמיידל. אלץ אזעלכע זאכן, וואָס דער אידישער טעאטער גייער האָט שוין אין די פארשידנסטע פארשלייערונגן געזען הונדערטער מאָל. „אלץ די זעלבע יענטע — נאָר אנדערש געשלייערט".

דער אידישער טעאטער אין אמעריקע האט ניט באוויזן נאָכצוגיין דעם שנעלן טעמפּאָ פון דער אנטוויקלונג פון אידישן לעבן דאָ אין לאנד. און אלץ דערפאר, ווייל די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אונטערגאנג פון אידיש האָט פאר יאָרן שוין פאראליזירט דעם שוואונג און די פאנטאזיע פון די מענשן, וואָס האָבן געשאפן פאר דעם אידישן טעאטער. נאָך איידער דער ערשטער פונק, וואָס האָט אָנגעהויבן אונטערצוברענען דעם פונדאמענט פון אידישן קולטור לעבן דאָ אין לאנד האָט זיך אָנגעכאפּט, האבן אונזערע געשוואָרענע פירער שוין פארלעגט די הענט, און אפילו ניט באוויזן צו ־ַעשען.

דאס פייער ברענט ! — האבן זיי געשריען, און דאס אלץ !

זיי האָבן געשריען און האָבן שוין אפילו אויפגעהערט צו שרייען.

עס האט געפעלט מוט און גלויבן. עס האט געפעלט און עס פעלט נאָך איצט אַט דער איינגעשפארטער ווילן צום לעבן, וואס יעדער קראנקער מוז אין זיך האבען, אויב ער וויל די קראנקייט איבערקומען.

דער פונדאמענט פון אידישן טעאטער האט אָנגעהויבן איינצו־פאלן און די מענשן, וואָס שטייען ביים אידישן טעאטער, האָבן ניט געפרובירט באנוצן זיך מיט דעם שטארקן פיאָנערישן ווילן, וואָס מוז באנוצט ווערן ערשט היינט צו טאָג מער ווי ווען עס איז פריער ביי די אידישע קולטור־פאָזיציעס דאָ אין לאנד.

אזוי ארום האָט זיך ענטוויקלט אָט דער צושטאנד, וואָס אויך דער בנין פון אידיש־טעאטער ברעכט זיך. אָבער אסך, זייער אסך קען געטאָן ווערן אויפצוהאלטן אויף א געזונטן שטייגער דאס אידישע טע־אטער וועזן. אריינבּרענגען ניי־לעבן אין אידישן טעאטער. אין די גרעסערע אידישע צענטערס, וואו טעאטער איז בלויז א זאך פון א גאסטראל־וויזיט פון א ניו־יארקער אידישער טרופע, קענען געגרינדעט ווערן לאָקאלע טעאטער גרופן. אויף דעם זעלבן שטייגער ווי עס איז לעצטנס געוואָרן א מאָדע אויף דער אמעריקאנער טעאטער גאס. אין יעדער שטאט, אין יעדער שטעטל, איבער דער גאנצער לענג־און־ברייט פון לאנד, האבן זיך געגרינדעט און עס האלטן זיך אין גרינדן טעאטער גרופן. פראָפעסיאָנעלע, האלב־פראָפעסיאָנעלע, און אמא־טאָרן. אזעלכע טעאטער גרופן זיינען דאָ צענדליקער אין יעדער גרע־סערער שטאט אין אמעריקע. דאָס טוען די אמעריקאנער (צווישן וועלכע עס זיינען אָגב דאָ א גרויסע פראָצענט אידישע קינדער) ניט פאר גרויס „פארגעניגן”. דער טעאטער אויך אויף דער ענגליש־רע־דנדיקער גאס איז שטארק געטראָפן געוואָרן פון די האליוואודער אויפ־פירונגן, פון די מואווים. אויך אין דער ענגליש־שפרעכנדיקער וועלט איז שווער אויפצוהאלטן דאס טעאטער, שווער אויסצוהאלטן א גאנצן סעזאָן. עס איז שווער, אבער די אמעריקאנער טעאטער ליבהאבער, די אמעריקאנער טעאטער־מענשן, האבן ניט פארלעגט די הענט. זיי זיינען ניט געבליבן זיצן זאָגנדיק א טרויער תפילה. זיי האָבן געטאָן דאס וואס מ'האט געדארפט טאָן.

זיי האבן געשאפן טעאטערס און טעאטערלאך אויף א קלענערן, אָבער גאנץ פונדאמענטאלן, שטייגער. קליינע זאלן, אינטימע בינעס. אלץ היימיש און אנגענעם. מ'גיט פיעסן און אויפפירונגן לויט דעם

געשמאק פון דער אָדער יענער גרופּע. און מערסטנס איז דער גע־שמאק א גאָר גוטער. די דאָזיקע באוועגונג פון טעאטער־גרופּן, היי־מישע טעאטערס אין יעדער געגנט, איז נאָך גאנץ יונג אין אמעריקע. יונג, אָבער שוין היפּש אנטוויקלט. אזוי אנטוויקלט, אז אין די ענג־לישע צייטונגען פון די שטעט. וואו אזעלכע טעאטערלעך געפינען זיך, האָבן די וויכטיקסטע צייטונגען געפינען פאר נויטיק איינצופירן ספּע־ציעלע טעאטער קאלומס, וואָס געבן רעגולערע אינפאָרמאציע וועגן זייער טעטיקייט.

פרעגט זיך א פראגע: פארוואָס קענען מיר אויף דער אידישער גאס ניט אויפבויען אזעלכע טעאטערס. אין א אידישער געגנד, וואו עס וואוינען צען טויזנט אָדער 20 צי 30 טויזנט אידן, פארוואָס זאָל אין אזא געגנט ניט קענען עקזיסטירן אזא טעאטער? מיט היימישע קרעפטן, אונטער דער אנפירערשאפט פון א געאיבטן רעזשיסאָר, קען אין יעדער אידישן צענטער, אין יעדער אידישער גרעסערער אָדער קלענערער שטאָט עקזיסטירן, וואקסן און ענטוויקלן זיך אזא סאָרט טעאטער.

און א טעאטער פון אזא סאָרט קען זיכער אויספירן צו רעכ־נען פיל קלענערע פרייזן. ווי דער „רעגולער" טעאטער. ערשטנס: קען זיך אזא טעאטער געפינען אין דער באטרעפנדער געגנט פאר דער באקוועמליכקייט פון דעם פּובליקום, וואָס וועט באזוכן דעם טעאטער אין זייער נאכבארשאפט. צווייטנס: קען אזא טעאטער ווערן א זייער נוצליכער און באקוועמער צענטר פאר דער פארווייַלונג פון די איינוואוינער אין געגנט. אזא אידישער טעאטער דארף ווערן ווי א טייל פון דעם גאנצן געזעלשאפטליכן לעבן אין דעם באטרעפנדן דיסטריקט.

אזעלכע טעאטער־גרופּען קענען זיך גרינדן אין די צענדליקער איבער אמעריקע. און פאר דעם פּראָפעסיאָנעלן אידישן טעאטער אין ניו יאָרק, וועלכער פאָרט ארוים נאָך פסח אָדער פאר פסח צו גאסטראָלירן אויף דער פּראָווינץ, קענען אזעלכע טעאטער גרופּן זיין ווי א ברכה פון הימל. אזעלכע טעאטער גרופּן וואָלטן ווידער

געוועקט דעם פארלאנג פון אידישן מענשן צו דעם טעאטער אין אלגע־מיין. און ווען עס קומט נאָך אראָפּ צו גאסט א טעאטער טרופּע וואָלטן אידישע טעאטער גייער זיכער געווען מער פאראינטערעסירט אין אידישן טעאטער ווי ווען עס גייט אוועק א יאָר און זיי „אנטוואוינען" זיך פון אידישן טעאטער און פארגעסן כמעט אינגאנצן אין זיין עקזיסטענץ.

אזעלכע אידישע טעאטער גרופּן דארפן עקזיסטירן אויף א סיסטעם פון אבאנענטן פון גאראנטירטע פארקויפטע בילעטן אין פאראויס. פונקט ווי מיר זיינען שוין געוואוינט מקדמונים דורכצופירן קאמפּיינס פאר פארשידענע געזעלשאפטליכע טעטיקייטן, אזוי דארפן מיר אויך איינפירן א נייע סיסטעם פאר קאמפּיינס פאר דעם אידישן טעאטער.

א יערליכער קאמפּיין. ניט פון קיין ביישטייערונגען, חלילה, ניט פון קיין וואוילטעטיקן כאראקטער. נאָר פּראָסט און פּשוט—אויף אן אָרגאניזירטן אופן—פארקויפן בילעטן צום אידישן טעאטער. ווייל אין דער איצטיקער מאָדערנער צייט ווערן פיל אוממעגליכע זאכן דורכגעפירט גאנץ לייכט און מיט פיל ערפאָלג, ווען נאָר עס ווערט דורכגעפירט אויף א געמיינשאפטליכן שטייגער. עס ווערט אָרגאניזירט אן אפּאראט, וואָס פאַרוואנדלט די קויף־קראפט פון עטליכע טויזנט מענשן אין א געזעלשאפטליכן כוח. עס דארף געשאפן ווערן א געזעלשאפטליכער קאָמיטעט פון טעאטער ליבהאבער, וואָס דארפן צו דערזעלבער צייט זיין טעאטער־קעמפער. עס דארפן פארקויפט ווערן אזוי פיל טעאטער סובסקריפּשאָנס אין פאראויס, אז עס זאָל געזיכערט ווערן, אז דער טעאטער וועט ניט דארפן בלייבן שטייען אינמיטן. און פאר א קליינער טעאטער גרופּע אין א אידישן געגנט פאָדערן זיך זיכער ניט קיין גאָר גרויסע טויזנטער דאָלארן.

און נאָך א גרויסן פארדינסט קענען האָבן אזעלכע טעאטער־גרופּן. זיי קענען צוציען דעם יונגערן עלעמענט. זיי קענען אפילו פאראינטערעסירן דעם אמעריקאנער געבוירענעם עלעמענט. ווייל דאָס אידישע וואָרט, וואָס ווערט גערעדט פון דער בינע, איז פיל מער

צוגענגליך צום אויער פון דער אידיש־אמעריקאנער געבוירענער יוגנט, ווי דאָס געשריבענע. ווייל דער פאקט איז שוין א גוט־באוואוסטער, אז א ניט גרויסער פראָצענט פון די אמעריקאנער געבוירענע אידישע קינדער קענען לייענען אידיש. טעאטער איז אָבער גאָר אַן אנדער ענין. אפילו אָן אַן אָרגאניזירטער באוועגונג קען מען אין אידישן טעאטער אָפט זען א היפשע צאָל אמעריקאנער אידישע יוגנט.

אזעלכע טעאטער גרופן קענען ווערן א סטימולירנדער כח צו פאראינטערעסירן די אידיש־אמעריקאנער יוגנט אין אנדערע אידי־שע קולטור טעטיקייטן אויך. טעאטער איז אי א מיטל צו אויפהאלטן די שפראַך, די קולטור, און צו דער זעלבער צייט איז טעאטער — פאַר־ווייַלונג. מיט טעאטער קען מען צוציען אזעלכע עלעמענטן, וועלכע עס איז גאנץ שווער צוצוציען צו אנדערע טעטיקייטן.

מיר ווייסן עס פון ערפארונג, אז די פארשידענע אידישע קינדער־שולן ווערן אויפגעהאלטן ניט אזוי דורך די קינדער, ווי דורך די עלטערן. וואָס מיר מיינען דאָ צו זאָגן, איז אז דורך אונזערע שולן ווערט באפרידיקט דער עלטערער עלעמענט מער ווי דער קינדער־עלעמענט. די עלטערן לעבן זיך אויס אין און ארום די שולן. די שול־באוועגונג גיט די עלטערן א גוטע געלעגנהייט זיך צו קהל'ן: האָבן א שול פארוואלטונג; שול יום־טובים; שול פארזאמלונגען; שול צוזאמענפאָרן; שול־ארויספאָרן, און וואָס ניט? און דער אמת איז אויך, אז די מער־סטע שול־פארוואלטער האָבן שוין אליין ניט קיין קינדער פון שול־עלטער, פונדעסטוועגן שטייען זיי נאָך ארום די שולן, פירן אָן די אר־בעט, אָרדנען איין צוזאמענקונפטן, קאנצערטן, יום־טובים. די אידישע שול איז געבליבן איינער פון די וויכטיקסטע אויסדריקס־מיטלען פאר אידישער טעטיקייט.

בּיסלעכווייז אָבער הויבט זיך אָן צו פילן א געוויסע פוסטקייט. די שול פארוואלטונגען, וואָס באשטייען פון א באדייטנדער צאָל עלטערן, וועמענס קינדער האָבן שוין פארלאָזן די שולן, פילן אז זייער טעטיקייט איז ניט דאָס וואָס זי איז פריער געווען. נאָכאלעמען—

זייערע קינדער האָבן שוין גראַדואירט פון די שולן — טאָ וואָס האָבן זיי צו טאָן דאָ?

יעדער שול-טוער שטעלט זיך אָט די דאָזיקע פראַגע, אָדער עפנטליך אָדער פאַר זיך אַליין, און בלייבט אַלץ מיט דער שול און אַרום דער שול. דאָס איז באַזונדערס דערפאַר, ווייל יעדן שול טוער איז ספּעציעל טייער די שול ווי אַ אידישע קולטור-פּאָזיציע, וועלכע איז מיט גרויס מי און מאַטערניש אויפגעבויט געוואָרן — און פאַרלירן אַ שול וואָלט מיינען זיכער אַ טריט צוריק, אַ פאַרלוסט סיי פאַר דער אידישער שול-באַוועגונג בפרט, סיי פאַר דער אידישער קולטור-באַוועגונג בכלל. דערפאַר האַלטן זיך די שול-מענשן מיט אַזאַ עקשנות אַרום די שולן, און זיכער קומט זיי דערפאַר צו באַגריסן.

די שול-פאַרוואַלטונגען קומט קרעדיט און צו די דאָזיקע גרופּן וואָלט די אידישע קולטור-טוער אין אַמעריקע געדאַרפט שײנקען פיל מער אויפמערקזאַמקייט. די דאָזיקע גרופּן, די שול-פאַרוואַלטונגען, די שול טוער, קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דינאַמישער קראַפט אַרום אידישן טעאַטער. באַזונדערס און ספּעציעל אין די פּראָווינץ שטעט. די באַוועגונג פאַר אידיש טעאַטער וואָלט פיל געקענט בויען אויף אָט די דאָזיקע מוטיקע אידישע קולטור-טוער. צוליב דעם וואָס עס מערקט זיך אָט די דערשיינונג, וואָס פיל שול-פאַרוואַלטער פילען זיך אַביסל אויסערן פּלאַץ, ווען זיי זיינען נאָך שטאַרק אַקטיוו אַרום די שולן, אין דער צייט, וואָס זייערע קינדער האָבן שוין גאָר גראַדואירט מיט יאָרן צוריק,—קענען סיי די שול-טוער, סיי די שולן, סיי די טעאַטער-באַוועגונג, געווינען פיל דערפון, ווען אָט די שול-גרופּען זאָלן אין זייער טעטיקייט-פעלד אַריינגעמען אויך דעם פּונקט פון קעמפן פאַר טעאַטער: טעאַטער וועט אַריינברענגען ניי-לעבן אין די שול-קרייזן. טעאַטער וועט אויך אַריינברענגען אַ גאָר נייעם איינקונפט פאַר די אידישע שולן. טעאַטער און שול קענען גיין געקניפּט און געבונדן. סיי די עלטערן, סיי די קינדער, די אַמעריקאַנער געבוירענע, וועלן געפינען אַ נייעם קוואַל סיי פון ערציאונג, סיי פון פאַרווייליונג. די שולן וועלן אויך, ווי געזאָגט, קריגן אַ

נייעם קוואל פון איינגאמע. ווייל אויב די שול באוועגונג אין אזא שטאט ווי פילאדעלפיא, ווי שיקאגא, צי אפילו און טאקע אין ניו יארק, וועלן זיין נאענט פאראינטערעסירט אין אידישן טעאטער, וועט דער טעאטער האבן א גאראנטירטן קרייז באזוכער.

די שולן וועלן „שטייען" ביים טעאטער פונקט ווי דער טעא־טער וועט „שטייען" ביי די שולן. זיי וועלן ביידע זיין ווי רינגען אין איין און דער זעלבער קייט. דערצו נאך וועט דער טעאטער האבן א מעגליכקייט אויפצופירן באמת ליטעראַרישע פיעסן. און אט־די פיעסן, די ליטעראַרישע אויפפירונגען, וועלן ברייננגען אין טעאטער דאס אמעריקאנער אידישע קינד, וואס וועט קענען פאראינטערעסירט ווערן אין א בעסערער אויפפירונג. ווייל א טעאטער, וואס וועט דארפן דינען דער אידישער שול־באוועגונג, וועט קענען אויפפירן מאדערנע אידישע פיעסן. פיעסן ניט נאר מיט שטריימלעך און זשופיצעס, וועל־כע זיינען מער אדער ווייניקער געצילט צו דערמאנען דעם אריבער־געקומענעם דור אין דער אלטער היים, אין דעם קליינעם שטעטל, אין דעם אלטן לעבנשטייגער — נאר נייע פיעסן, פון אמעריקאנער אי־דישן לעבן. פיעסן, וואס ליגן גאר אין די טיש־קעסטלאך ביי אונזערע עלטערע און יונגערע דראמאטורגן, און אויך אזעלכע טעאטער פיעסן וואס דארפן ערשט געשריבן ווערן, און זיי ווערן עס ניט — ווייל דער אידישער טעאטער פילט זיך עלנט, פארלאזן, אן געהעריקער אוידיענץ.

דורך אזא באוועגונג פון ארגאניזירטע גרופן וואלט דער אי־דישער טעאטער געקראגן א שטארקן שטוים פאראויס. דער אידישער טעאטער וואלט געווארן מעהר ווי בלויז א אונטערנעמונג. א ביזנעס אונטערנעמונג, וואס גייט לעצטנס מיט א שנעלן טעמפא בארג אראפ. אפילו ביי די אומות העולם, וועלכע האבן ניט קיין דאגות פון שפראך, פון אסימילאציע, פון קאנקורענץ פון אנדערע קולטורן, און זייער טע־אטער ליידט ניט פון אט די אלע איבלען. וואס אונזערער, אפילו ביי זיי, ביי די ניט־אידן, הייסט עס, עקזיסטירן צענדליקער גרופן און ארגא־ניזאציעס, וואס געבן זיך אפ מיט אויפהאלטן און פאפולאריזירן דאס בעסערע טעאטער. זיי ענטוויקלען א גאנצע אקטיוויטעט ארום

טעאטער. און ביי אונז, גראד ביי אונז, וואו דער טעאטער איז ניט אין בעסטן צושטאנד, איז די גאנצע זאך איבערגעלאָזן געוואָרן צו די טעאטער אונטערנעמער, וועלכע מוזן טראָגן אי די דאגות פאר זייערע ביזנעס און אי באווייזן דעם גרויסן קונץ פון שלעפן דעם עולם אין טעאטער אריין. אסך, אסך פירער, געזעלשאפטליכע טוער, שריפט־שטעלער און סתם אזוי אידן, וואָס קהלן זיך און שרייען אלעמאָל העכער ווי יעדער: „קאראול״! ווען עס קומט צו אידישער קולטור, „טוען קיין האנט אין קאלטער וואסער ניט אריין״ צו טאָן עפעס ממשות׳דיקעס. מען קומט אָפּ מיט שרייען. מען שרייט־אָפּ. אידיש טעאטער, אלס א וויכטיקער פאקטאָר אין דער אידישער קולטור־באוועגונג, האָט ניט געטאָרט, און טאָר ניט איבערגעלאָזן ווערן אינגאנצן אין די הענט פון די, אויף וועמענס גורל עס איז אויסגעפאלן צו זיין אפהייניגיק פון אידישן טעאטער מיט זייער לעבנס־עקזיסטענץ. עס מוז געשאפן ווערן א באוועגונג. א שטארקע באוועגונג. די בעסטע, די איינגעשפאר־סטע, די וואָס פארשטייען די מיסיע פון אידישן טעאטער, מוזן זיך אָננעמען האנט אין האנט—שליסן ארם און ארם. שאפן א שטאָלענע קייט. א רינג אין א רינג. און באשיצן, פרעזערווירן, אויפהאלטן דאָס בעסערע, דאָס שענערע, דאָס פיינערע פון אידישן טעאטער. מיט גענוג גלויבן און באגייסטערונג קען אזא באוועגונג געשאפן ווערן. ווייל איצט איז גראד נאָך ניט צו־שפּעט. ווייל סוף כל סוף—אידיש טעאטער לעבט נאָך, אידיש טעאטער ווירקט נאָך און איז א וויכ־טיקער פאקטאָר אין אונזער קולטורעל־געזעלשאפטליך לעבן. מיר דארפן בלויז אונטערשטעלן א פלייצע ביים טעאטער וואָגן. און אנ־שטאט צו לאָזן אונזער טעאטער־וואָגן מיט קראך זיך יאָגן בארג־אראָפּ, לאָמיר ענדערן [illegible] גאנג. לאָמיר אים צוריק לאָזן גיין אויפ׳ן גלייכן וועג. —

מיר מוזן דאָס טאָן. מיר קענען דאָס טאָן! —

פאראן נאך א מארק פאר דעם אידישן בוך אין אמעריקע—ס'פעלט בלויז דער פארקויף־אפאראט

עס זיינען דאָ אסך זאָרגער ארום אידישן בוך, אָבער ניט קיין פארזאָרגער.—ס'דארפן געגרינדעט ווערן ביכער־קלובן, וואָס זאָלן העלפן פארשפרייטן דאָס בוך.—א ביכער מארק אין גענזפיסלעך, וואָס קען אוועקגעשטעלט ווערן אויף אייזערנע פיס.—ס'איז שווער צו פארקויפן ניט בלויז ביכער, נאָר יעדן ארטיקל, וואָס איר גייט פארקויפן.—עס פעלן אונז אוים עקשנים.—

דאָס זעלבע, וואָס עס דארף געטאָן ווערן כדי אויפצולעבן דאָס אידישע טעאטער, קען אויך געטאָן ווערן כדי אויפצולעבן דאָס אידישע בוך. וואָס עס פאָדערט זיך אָבער, איז דאָס זעלבע, וואָס ביים אידישן טעאטער. עס פעלט גלויבן. אונטערנעמונגס קראפט. עקשנות. און ווען עס קומט צו דער באוועגונג פון אויפלעבן דאָס אידישע בוך, מיר מיינען די פארשפרייטונג פון אידישן בוך, געפינען מיר דעם זעלבן פארקערטן צושטאנד ביי אונז אידן ווי ביי די ניט־אידן. גראד ביי

אונז, וואו דאָס פאַרשפּרייטן פון אידישן בוך איז אַזוי צרה'דיק, עקזיס־טירט ניט קיין איין אידישער קלוב אפילו איבער גאַנץ אמעריקע, וואָס זאָל זיך שטעלן די אויפגאַבע פון פאַרשפּרייטן דאָס אידישע בוך. אין דער אמעריקאַנער ביכער־וועלט אָבער, וואו אַרויסגעבן ביכער איז נאָך אַ מיליאָנען־דאָלאַרדיקע ביזנעס, זיינען גראַד יע דאָ צענדליקער קלובן און אָרגאַניזאַציעס פון ליטעראַטור־ליבהאַבער, וואָס געבן זיך אָפּ מיט אויסקלייבן דאָס בעסטע בוך פון מאָנאַט. זיי געבן זיך אָפּ מיט שאַפן אַבאָנענטן פאַר די בעסערע ביכער; זיי שאַפן אַן אַטמאָס־פערע אַרום דעם בוך. זיי ברענגען און פירן אַרום אויף דער ליכטיקער וועלט דאָס געעריקע בוך מיט דעם געעריקן כבוד און אָנזען.

און ביי אונז־אידן — ביי אונז איז אַזאַ זאַך גאָר ניטאָ. ביי אונז, ווי עס זעט אויס, איז גאָרנישט ניטאָ וואָס צו זאָרגן. דאָס אידישע בוך איז, הייסט עס, פאַרזאָרגט.

פאַרזאָרגט איז טאַקע דאָס אידישע בוך, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן. דאָס אידישע בוך איז פאַרזאָרגט און באַזאָרגט, און עס האַלט זיך אין איין זאָרגן. מאין יבוא עזרי? מאין? פון וואַנען וועט קומען מיין הילף און ווען וועט זי קומען?

עס ווילט זיך אריין צווישן די טאָוולען פון דעם פאַרוואָגלטן און אויסגעמאַטערטן אידישן בוך און אויסשטרעקן די הענט און ווייטאָק־דיק פרעגן: ביז וואַנען? ביז וואַנען?

איז שוין טאַקע ניטאָ קיין אויסוועג? איז דאָס שוין טאַקע דער גורל פון דער עפּאָפּייע פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקע? וועט דאָס זיין די ענדע? אידישע ביכער זאָלן ליגן אויף די פּאָליצעס אָדער אין די קעלערס און שימלען?

ניין, עס קען נאָך גאָר אַנדערש, גאַנץ אַנדערש זיין!

עס זיינען נאָך דאָ אין אמעריקע טויזנטער, צענדליקער טויזנטער קונים אויף אַ אידישן בוך. איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון לאַנד זיינען זיי צעוואָרפן—די ליבהאַבער פון אידישן וואָרט. צווישן

זיי—זיינען נאָך פאַראַן מאַסן אידן, וואָס קענען מיט רעכט צוגערעכנט ווערן צום יונגערן דור. מענשן אין זייערע דרייסיקער, וואָס לייענען אידיש.

און דאָס אידישע בוך קען נאָך פאַרקויפט ווערן אין די טויזנטער אפילו—ס׳איז בלויז דאָ איין גרויסע צרה: ס׳איז ניטאָ קיין אָרגאַני־זירטער פאַרקויף פון אידישן בוך.

און דאָ קומען מיר צו דעם זעלבן טרויעריקן צושטאַנד, וואָס עס מערקט זיך ביים פאַרשפּרייטן אידישע זשורנאַלן. עס פעלן „האַי־פּרעשור סעילסמען”, ווי מ׳זאָגט אויף ענגליש. פאַרקויפער, וואָס זאָלן קאָנען איינרעדן אָדער אפילו אַרויפצווינגען אויפן „קאָסטימער” דעם בוך אָדער זשורנאַל. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן וואָס פאַר־א מיטלען עס באַנוצן די רייכסטע ענגלישע זשורנאַלן ביים קריגן און אָנהאַלטן אַן אַבאָנענט. גאָט מיינער, וואָס טוען זיי ניט! און ווערט שוין איינער א סובסקרייבער אויף א זשורנאַל, ווערט ער שוין א ירושה־זאַך. די פאַרוואַלטונג פון זשורנאַל וועט טאָן אַלעס, כדי דעם אַבאָנענט אָנצו־האַלטן. און דאָס זעלבע—מיט א בוך. מ׳פאַרקויפט דאָך שוין אפילו ביכער אין די דראָג־סטאָרס. און איר קריגט זיי מיט פאַרשידענע צוגאַבן. מציאות, באַרגעינס. און אין פאַרשידענער גרויס. און וואָס ניט. מ׳גיט זיי אויך צו צו אַנדערע אַרטיקלען, וואָס איר קויפט. אפילו אין די מואָוויס—פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל געווינט איר אַזוי פיל און אַזוי פיל ביכער. ענציקלאָפּעדיעס. ראָמאַנען. פּאָעזיע מכל המינים. מיט איין וואָרט—עס ווערט באַנוצט ביים פאַרקויפן דאָס בוך די זעלבע ערפאָלגרייכע פאַרקויף־סיסטעם, וואָס ווערט באַנוצט אויף אַנדערע ביזנעס געביטן.

פרעגט זיך די זעלבע פראַגע: וואָס פאַר א מעטאָדן זענען באַנוצט געוואָרן צום פאַרקויפן דאָס אידישע בוך אין אמעריקע פאַר די לעצטע 10 יאָר? ווער האָט געפּרואווט פאַרקויפן אין אמעריקע דאָס אידישע בוך?

פאַראַן, ווי באַוואוסט, בלויז איין ביכער־פאַרקויפער ביי אונז

אין אמעריקע. משה שמואל שקלארסקי. איז שקלארסקי אזוי צו זאָגן—א ספּעציאַליסט. רעדט איר מיט אים—באַקלאָגט ער זיך נאַטירליך אויך. ניט גוט. און קיינער קען טאַקע ניט זאָגן, אז ס'איז גוט, ווען עס קומט צום אידישן בוך.

פונדעסטוועגן מאַכט שקלארסקי—רעדנדיק אויפ'ן היימישן לשון —א לעבן פון פאַרקויפן ביכער, און אפשר טאַקע ניט צו פאַרזינדיקן.

הייסט עס, אז ווען א מענש שפּאַרט זיך איין און איז א פאַר־קויפער — קען מען אפילו היינט צו טאָג מאַכן א לעבן פון פאַרקויפן דוקא ביכער אויף אידיש.

און שקלארסקי פאַרקויפט.

און שקלארסקי האָט באַוויזן דורכצופירן א זאַך, וואָס ווען ער קומט צו א ניכטערן אידן און פרעגט אים: זאָגט מיר, ליבער פריינט, גלויבט איר, אז איך וואָלט געקענט „מאַכן א לעבן" פון פאַר־קויפן אידישע ביכער אין אמעריקע?—וואָלט יענער זיכער זיך אויס־געלאַכט און געטראַכט, אז דאָס מאַכט מען פון אים לצנות. מ'לאַכט, מ'וויל אים נעמען אויף זיכער.

אָבער שקלארסקי מיט זיין שמייכל האָט באַוויזן דאָס, וואָס מיליאָנען אידן אין אמעריקע גלויבן ניט, אז מ'קען טאָן. ער פאַר־קויפט אידישע ביכער און מאַכט זיכער אזא שיין לעבן ווי אנדערע אידן, וואָס פאַרקויפן גראָסערי ארטיקלען אָדער ארבעטן אין א שאַפּ.

יע, עס פעלן אונז היינט צו טאָג ביי אונזער אידישער קולטור אין אמעריקע א געוויסע צאָל אזעלכע אידן ווי משה שמואל שקלארסקי. אידן, וואָס זאָלן מער טאָן ווי רעדן. פּשוט—טאָן די ארבעט. זיך איינשפּאַנען אין וואָגן פון דעם אידישן וואָרט—און שלעפּן.

שקלארסקי האָט ערשט ניט לאַנג געשריבן, אז ער האָט פאַר־קויפט אין אמעריקע אין זיין מוכר־ספרים קאַריערע ביכער, אידישע ביכער, אין ווערט פון א האַלבן מיליאָן דאָלער. א האַלבער מיליאָן

דאלער — א גאנץ באדייטנדע סומע. זיכער א דערפרייענדע ציפער.

זועט שקלארסקי אליין צוגעבן—אז ווען ער האט צו זיך נאך אזא איינגעשפארטן און פייאיקן פארקויפער, וואלטן פארקויפט געווארן ביכער פאר נאך אזא סומע. און ווען עס זיינען דא דריי אזעלכע פארקויפער, וואלטן פארקויפט געווארן נאך אזוי פיל ביכער.

זיכער איז ניט גרינג צו פארקויפן היינט-צו-טאג קיין אידישע ביכער. עס איז ניט בלויז ניט גרינג, נאר עס איז טאקע גאנץ שווער. אבער אויב איר, מיין פריינט, האט געפרואווט עפעס צו פארקויפן, קענט איר אפשר מיר זאגן, וואס עס איז לייכט צו פארקויפן?

איז אפשר עלעקטרישע פרעסלאך גרינג צו פארקויפן? סאמא-ווארן? זילבערנע לעפל? אדער אפשר גאר עלעקטרישע ארטיקלען? וואס איז לייכט?

יעדער ארטיקל, וואס האט ניט צו טאן מיט'ן טעגליכן גע-ברויך—איז ניט לייכט צו פארקויפן. און ווען אפילו איינער נעמט זיך אונטער צו פארקויפן ברויט אדער מילך דארף ער אויך עס קענען. דארף ער אויך זיך איינשאפן די קונים. האבן דאס ריכטיקע ארטיקל. געבן די ריכטיקע פרייז. און ערשט זיין געדולדיק. קענען אויסקומען מיט די קונים. געבן אויף באדג. לאזן פון צייט צו צייט פארלארן א חוב. און שמייכלען. שטענדיק שמייכלען. און דער עיקר: ארבעטן שווער. ניט זיין פויל. ניט פארלירן דעם מוט.

אט דאס אלץ.

איז ווען א פארקויפער האט אט-די אלע מעלות און ער האט נאך א ליבע צו אידישן בוך—קענט איר זיין זיכער—ער וועט זיין אן ערפאלג. און טאמער דיינקט איהר, אז ווען איר פארקויפט א אידיש בוך שוין, מאכט דער קויפער א מינע, גלייך ווי ער דארף עס ניט. ער טוט אייך א טובה, ער גיט אייך ממש א נדבה, אבי פטור צו ווערן פון א נודניק. טא זארגט אייך ניט: די מערסטע מענשן, וואס קויפן אר-טיקלען, וואס מען ברענגט צו זיי אין הויז אריין, מאכן אלע אזא מינע.

ס׳איז בלויז אן אָנשטעל. ווען איר וועט אים פארלאָזן און ער וועט בלייבן מיט׳ן געקויפטן בוך, וועט ער גאנץ פיין אריינקוקן אין בוך, און אבי איר האָט אים נאָר פארקויפט די ריכטיקע „סחורה״—זאָלט איר שוין זיין זיכער—איר האָט שוין „איינגעבראָכן״ א קאָסטימער, און אויב איר האָט נאָר א ניי גוט בוך צו פארקויפן, וועט אייך שוין ניט אָנקומען גאָר שווער צו „מאכן א נייעם סעיל״.—

יע, עס איז נאָך דאָ א באַדייטנדער מארק פארן אידישן בוך. עס פעלן אָבער פארקויפער. עס פעלן אונטערנעמער. אלס באווייז, אז עס זיינען דאָ קויפער פארן אידישן בוך קען אויך דינען דער פאקט, וואָס אזוי פיל שרייבער געבן ארוים אויף זייערע אייגענע אחריות זייערע ווערק, און זיכער—זיי וואָרפען ניט די ביכער זייערע ארייין אין ים אריין. די יעניקע, וועלכע זיינען פייאיק צו פארקויפן—פאר־שפרייטן זייערע ביכער אין טויזנט, אין צוויי טויזנט און אפילו מער עקזעמפלארן.

און ס׳איז אפשר אמת, אז אין א סך פאלן „גיט״ דער איד א דאלער אָדער צוויי אבי „פטור צו ווערן״ פון דעם שרייבער, אָדער כדי „ארויסצוהעלפן״ א אידן, אָבער פון דער צווייטער זייט—באווייזט עס דאָך ווידער, אז עס איז פאראן א „מארק״, אידן צו וועלכע מ׳קען נאָך קומען און פארקויפן א בוך. אידן, וועלכע נעמען נאָך ארוים מער ווי איין דאָלאר א יאָר און קויפן א אידישן בוך.

די פראבלעם באשטייט אָבער איצט אין דעם, אז מ׳וואָלט געקענט קאָנטראָלירן אָט דעם דאָזיקן „מארק״, אין גענזענפיסלאך — און אים פארוואנדלען אין א מארק, וואָס זאָל שטייען אויף זיכערע פיס, אויף א שטארקן פונדאמענט.

דערצו פאָדערט זיך אָבער אן אָרגאניזאציע, וואָס זאָל באשטיין ניט בלויז פון רעדנער און שרייבער, וואָס זאָלן „זאָגן און שרייבן״ און דערמיט פטור ווערן מיט׳ן עסק. עס פאָדערט זיך פלאנמעסיקע ארבעט. און דער עיקר—א פארשפרייטונגס־אפאראט—פארקויפער.

א צאָל מענשן זאָלן פראָסט און פשוט באשעפטיקט ווערן, אז זיי זאָלן מאכן א לעבן דערפון.

אין יעדער שטאָט און שטעטל דארפן געגרינדעט ווערן די געעריקע גרופן, ליטעראטור קלובן. עס דארף געשאפן ווערן א צענטראלער פארלאג. א פארלאג, וואָס זאָל ארויסגעבן גוטע אידישע ביכער. ביכער מיט וועלכע דער לייענער, וואָס וועט דאָס בוך קויפן, זאָל זיין שטאָלץ, און דאָס בוך האלטן אלס א צירונג. ביכער, וואָס זאָלן ארייננבריינגען אין לעבן פון דעם אמעריקאנער אידן עפעס נייעס. אינטערעסאנטע ביכער. אינפאָרמאטיווע ביכער.—

אידישע קולטור־הייזער — פעסטונגן פון אידישן וואָרט אין אמעריקע

א באוועגונג צו בויען קולטור־הייזער, וואו עס זאָל קאנ־צענטרירט ווערן די ארבעט ארום אידיש דאָ אין לאנד. —דער באַנצי־שוויג פּרינציפּ דארף פארגעסן ווערן און גרויסע פאָדערונגן דארפן געשטעלט ווערן. — קולטור־קלובן ניט בלויז פאר'ן עלטערן דור נאָר אויך פאר די אמעריקאנער־געבוירענע.—

מיר ווילן דאָ בארירן א פראגע, וואָס איז איינע פון די אָנגע־ווייטיקסטע אין דער אידישער קולטור־וועלט דאָ אין לאנד: די פראגע פון אידישן קולטור־הויז. עס איז לעצטנס אין אונזער פרעסע גערעדט געוואָרן דערפון, מ'האָט שוין אויך פריער אסך טינט פארגאָסן וועגן זעלבן ענין—אָבער צו קיין ממשות'דיקס איז מען קיינמאָל ניט געקומען.

פארוואָס?

איינע פון די אורזאכן — פארוואָס, איז דער פאקט, וואָס אונזער גאנצע אידישע קולטורעלע טעטיקייט דאָ אין לאנד איז אוועקגע־שטעלט געוואָרן אויף אַ זייער ארימן שטייגער. מיר וואָלטן געזאָגט: אויף א באַנצי־שוויג פּרינציפּ. מ'האָט זיך צופרידנגעשטעלט און מען

שטעלט זיך צופרידן מיט אביסל. מיט ווייניקער ווי אביסל, כמעט ווי מיט גאָרניט.

אונזערע אידישע קולטור-טוער גייען מערסטנס מיט דעם זעלבן שפּאַן, ווי זיי וואָלטן אליין געפילט אז זיי זיינען פרעמד. ניט קיין גע-בעטענע געסט. ווען מיר זאָלן אָבער באַגרייפן מיט דעם פולסטן באוואוסטזיין דעם גאנץ גרויסן איינפלוס, וואָס אונזער אידישע קול-טור, אונזער פרעסע, טעאטער, שול, האָט אויף דעם היגן אידישן לעבן, וואָלטן מיר געקענט ארויסקומען צו די אידישע מאַסן אין אמע-ריקע, און געפאָדערט פיל גרעסערע זאכן. אין אונזער שווערן קריזיס, וואָס אידיש לעבט איצט איבער, וואָלטן מיר באַגריפן, אז פאַר די אלע יאָרן פון אידיש לעבן דאָ אין אמעריקע האָבן מיר געהאַט קליינע השגות. מיר האָבן געשטרעבט צו ווייניק, האָבן מיר פיל ווייניקער געקראָגן.

ראַטעווען די סיטואציע קאָנען מיר אָבער מיט א גרעסערן פאַרמעסט. מיט שוואונג. מיט אמביציע. מיר מוזן זיך לערנען פון אן אנדער טייל אידיש לעבן אין אמעריקע. מיר מוזן זיך לערנען, יע—מיר מוזן, גראדע פון די אָרטאָדאָקסישע אידן. זיי, די אָרטאָ-דאָקסישע אידן, האָבן דאָך אין פאַרגלייך מיט אונז א גאנצע אימ-פּעריע. זייערע תלמוד-תורה׳ס, זייערע ישיבות, זייערע בתי מדרשים. די טעמפּלען. מיליאָנען דאָלאַרן אינוועסטירט. און די גאנצע אי-דישע שול-באַוועגונג, די ארבעטער רינג שולן, צי די פאַרבאַנד שולן, צי אנדערע אידישע שולן—זעלטן ווען א שול האָט אן אייגענע געביידע. זייער זעלטן.

מיר האָבן אפילו קיינמאָל ניט געטראַכט דערפון. עס קומט אָבער אויף אלץ א צייט. מיר דאַרפן ארויסקומען מיט א באַוועגונג פאַר אידישע קולטור צענטערס. און טאַקע ווייל אזא אונטערנעמונג זעט אויס שווער דורכצופירן, איז דאָס אפשר א מעלה. די שווערקייט פון דער אונטערנעמונג דאַרף אָנרעגן אונזער ווילן און דער-וועקן אונזער פאַנטאזיע. די צרה מיט דער באַוועגונג פאַר אידיש.

פאַר אידישע אָרגאַניזאַציעס, פאַר אידישע אינסטיטוציעס (מיר מיינען דאָ אלץ קולטורעלע אונטערנעמונגען) שטעקט הויפּטזעכליך טאַקע דעריינען, וואָס ס'האָט אונז שטענדיק געפעלט שוואונג. פאַרנעם. מיר זיינען אלעמאָל געגאַנגען און מיר גייען אויך איצט, מיט געבויגענע רוקנס. איינגעהויקערט. מיר האָבן מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן.

די אידישע שפּראַך אין אמעריקע ווערט נאָך גערעדט פון דער גאָר גרויסער מערהייט אידן. מיליאָנען אידן לייענען נאָך אידיש. לעבן אין אידיש. ווירקן אויף אידיש. אָט אין נאָמען פון דעם אומ־באַשטרייטבאַרן פאַקט דאַרפן מיר ארויסקומען מיט א נייעם גרויסן רוף: אויפצוהאַלטן די אידישע קולטור אין אמעריקע. טאַקע איצטער —ווייל אלץ וואָס איז אידיש פון יענער זייט ים שטייט אין א גרוי־סער סכנה. און מיר—די אידען אין אמעריקע—זיינען געבליבען כמעט די איינציקע, וועלכע קענען טראַכטן וועגן דער דאָזיגער וויכטיקער מיסיע.—

די אויפגאַבע אונזערע דאַרף זיין: אין יעדער גרעסערער שטאָט, אין די הויפּט צענטערס פון דער אידישער באַפעלקערונג, דאַרפן גע־גרינדעט ווערן אידישע קולטור־הייזער, אָדער קולטור־קלובן, פאַר־זאַמלונגס־פּלעצער, וואו מ'זאָל וויסן, אז דאָרט ווערט אָנגעפירט א מאָ־דערנע קולטור־טעטיקייט. אין אזא קלוב דאַרפן זיך געפינען די לעצטע אידישע אויסגאַבן. עס דאַרף זיין א ביבליאָטעק. א לייען־זאַל. — עס דאַרפן דורכגעפירט ווערן אזונטן מיט געסט־שרייבער. עס דאַרף דאָרט אָנגעפירט ווערן א קלענערער אָדער א גרעסערער טעאַטער. עס דאַרפן געגעבן ווערן קורסן אין אידיש, אין אידישער ליטעראַטור. אזא קלוב דאַרף ווערן די קולטור פעסטונג, דער אידישער קולטור־צענטער פון דער שטאָט אָדער פון דער געגנט וואו ער געפינט זיך.

אזא קולטור־צענטער דאַרף אויך ווערן דער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון די גראַדואירטע פון די אידישע שולן אָדער מיטל־שולן. מיר ווייסן פון א סך פאַלן, ווען אזעלכע גראַדואירטע האָבן ענדיקנדיק די אידישע שול, זיך אָפּט באַקלאָגט, אז זיי וואָלטן דוקא יע געוואָלט קומען אין אן אידישן קרייז, וואו זיי זאָלן קענען געפינען באַפרידיקונג פאַר זייערע

אידישע אינטערעסן. זיי זיינען דוקא יע פאראינטערעסירט אין באַלאנגן צו א אידישן כאָר, אין נעמען אנטייל אין א אידישער טעאטער גרופע. אין דיסקוטירן א אידישע פראגע, אין באקענען זיך ווייטער מיט דער אידישער ליטעראַטור, אין לערנען די אידישע שפראך, אידישע געשיכטע.

אין א מאדערנעם, מיט לעבן-פולסירנדן אידישן צענטער, וואָלטן אזעלכע אמעריקאנער געבוירענע אידן זיכער געקומען. זיי וואָלטען געקומען און וואָלטן פארבליבן מיט אונז. דער עיקר אויך—וועןאזעלכע קלובן געפינען זיך דוקא ניט פאררוקט ערגיץ אין א ווינקל, אין א זייטיק געסל, אין א הויז מיט א פינסטערן אַריינגאנג, גלייך ווי מאראנען, אנוסים וואָלטן זיך דאָרטן פארזאמלען.

דאָס אידישע קולטור הויז מעג זיך דוקא געפינען אין א צענטראַלער געגנט. ליכטיק. לעבעדיק. אנגענעם מיט פארנעם. מיט גלויבן. מיט שוואונג. מיט טירן ברייט-צעעפנטע, וואָס זאָלן רופן צו זיך יונג און אלט, און יונג און אלט וועלן קומען, ווייל סיי דער עלטערער אידישער מענש, סיי דער יונגערער מענש, פילן זיך פארלוירן. זיי ווארטן אז עמיצער זאָל קומען צו זיי און זיי אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג, אָננעמען ביי דער האנט, און זאָגן: קום. און ניט נאָר פיל גראַדואירטע פון אונזערע מאדערנע אידישע שולן זיינען פאראינטערעסירט אין אידיש. אויך קינדער פון די תלמוד תורה׳ס, פון וועלכע פיל קענען גאנץ פיין שרייבן און לייענען אידיש. און דער עיקר: זיי זיינען אידיש-באוואוסטזיניק. און ניט נאָר קינדער פון די תלמוד-תורה׳ס, נאָר אויך אידישע קינדער וואָס באלאנגן צו אזעלכע אָרגאניזאציעס ווי די באַי און גוירל-סקאוטס. אויך צווישן אזעלכע קינדער אין די געדיכט באפעלקערטע אידישע געגנטן געפינט מען פיל וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין אידיש.

און וואָס ס׳איז גאָר וויכטיק—אזעלכע קולטור-הייזער קענען און וועלן באזוכט ווערן פון אונז אליין—די טויזנטער, די צענדליקער טויזנטער, וואָס לעבן זיך נאָך אויס אין אידיש.

פונקט ווי אלע אנדערע באוועגונגן, מוז אויך די אידישע קולטור־באוועגונג אָנפירן א גרויסן געלט־קאמפיין אין אמעריקע

אן אפיל פאר אידיש, וואָס דארף אָפקלינגען פון איין עק לאנד ביז דעם צווייטן.—קאמפיין אָפיסעס און קאמ־פיין־אָנפירער.—ווי אזוי די באוועגונג דארף אָנגעפירט ווערן.—שטאָט-קאָמיטעטן.—רעדנער-בריגאדעס.—מיר האָבן צו ווענדן זיך צו ווענדן.—

א באוועגונג פאר אידישע קולטור-הייזער דארף זיכער האָבן היפשע געלט פאָנדן. אָבער געלט דארף ניט זיין די גרעסטע מניעה. ווען עס איז נאָר דאָ דער גלויבן, דער פארלאנג, די אמביציע, האָט קיין שום באוועגונג זיך ניט אָפגעשטעלט צוליב געלט-מיטלען. א פאקט איז, אז אזויפיל באוועגונגען עקזיסטירן אויף דער אידישער גאס און אזוי־פיל קאמפיינס ווערן אנגעפירט.

מען זאמלט פאר ישיבות. מ׳זאמלט פאר אן ערציאונגס אנ־שטאלט אין יעדן ווינקל פון דער ערד. מ׳זאמלט אין נאָמען פון אלע־מען און פון אלץ. און יעדער אידישער מענש עפנט ברייט און ברייטער

זיין קעשענע. מ׳זאמלט איצט מיליאָנען פאר די פארשידענע אפילס. בלויז אונזערע אידישיסטישע טוער האָבן ניט באוויזן צו האָבן גענוג מוט און ארויסקומען צו דער ברייטער אידישער גאס און אפעלירן, פונקט ווי אלע אנדערע, ארויסקומען צו דער עפנטליכקייט און זאָגן אזוי הויך, אז דער רוף זאל אפקלינגען פון ניו־יאָרק ביז סאן פראנציסקאָ, פון פילאדעלפיא ביז שיקאגאָ: מיר דארפן הונדערט טויזנט דאָלאר. מיר דארפן צוויי־הונדערט טויזנט דאָלאר. מיר דארפן א פערטל מיליאָן דאָלאר א יאָר, און אפשר מערער. מיר דארפן געלט, ווייל אונזער גאנצע קולטור, די אידישע קולטור, וואס האט דאָ אזוי געבליט און געוואקסן, האלט אין פארוועלקט ווערן, האלט אין אונטערגיין. מיר מוזן האָבן געלט, ווייל מיר ווילן בויען, איינשפריצן נייע בלוט, ארייננבלאָזן נייעם אטעם אין דעם אידישן קולטור־קערפער.

און מיט א גרויסן קאמפיין פאר אידיש אין אמעריקע, מיר מיינען דאָ פראָסט און פשוט א קאמפיין צו זאמלען פאָנדן, איז פונקט ווי מיט יעדן ארטיקל: עס ווענדט זיך ווי אזוי עס איז פרעזענטירט; ווי אזוי עס ווערט פארגעשטעלט פאר׳ן עולם; ווי אזוי עס ווערט ארויסגעבראכט אויף דער גאס און ווי אזוי מ׳פראוווט עס פארקויפן.

עס ווענדט זיך אָן דעם „סיילסמאן״, און פארקויפער. איינער קען אפילו ניט פארקויפן קיין דימענט פאר א דאָלאר און א צווייטער קען פארקויפן א קלייניקייט פאר א גאָר הויכן פרייז. וואָס מיר ווילן דאָ ארויסברייגען איז אז א קאמפיין דארף האבן א ריכטיקן קאמפיין־מענעדזשער, א מענשן, וואס איז געאיבט אין דער קונסט פון זאמלען געלט.

פאר אידיש — אויפצובויען אידישע קלובן: פינאנסירן טעאטער גרופן; אויפהאלטן א צענטראלן פארלאג; ארויסגעבן א קעמפערישן קולטור־זשורנאל, אפשר א וואָכנבלאט. פאר דעם אלץ דארף אָנגעפאנגן ווערן א גרויסער קאמפיין. דער קאמפיין דארף ניט בלייבן אין אונזערע דלד אמות. נאָר מיר דארפן אריינציען גאר וויכטיקע נעמען פון דער אלגעמיינער גאס. מענשן, וועמענס נאָמען עס קלינגט

ברייט און ווייט — אזוי אז זייער איינפלוס זאל העלפן אונז אין אונזער אונטערנעמונג.

אין יעדער גרעסערן אידישן צענטער מוזן איינגעאָרדנט ווערן קאַמפּיין אַפּיסעס. עס מוז אוועקגעשטעלט ווערן א מאשין, אן אפּאַראַט וואָס זאָל יעדן יאָר, יאָר־איין, יאָר־אויס דורכפירן א קאמפּיין, וואס זאל טראגן אויף זיך די איינציקע און אויסשליסליכע אויפגאַבע פון פינאַנסירן די באוועגונג פאר דער אויפלעבונג פון דער אידישער קולטור, פון אידישן וואָרט.

צו אזא קאמפּיין דארפן צוגעצויגן ווערן די ארבייטער רינג באוועגונג; די פארבאנד קרייזן; די פארשידענע לאנדסמאנשאפטן; די ארדענס; די שוין עקזיסטירנדע אידישע קלובן פון אלגעמיינעם כאראקטער; די יאָנג מענס און יאָנג וואָמענס היברו אסאָסיאיישאָנס און אלע אנדערע אידישע ארגאניזאציעס.

די נייע באוועגונג פאר אידיש מוז אוועקגעשטעלט ווערן כמעט אויף דעם זעלבן אופן, ווי עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אידישער ארבעטער קאָמיטעט אָדער דער אידישער קאנגרעס. עס מוז זיין א צענטראלע קערפּערשאפט מיט פאָרשטייער פון די אלע אָרגאַניזאציעס, וואס האבן וועלכן עס איז אינטערעס אין דער געמיינשאפטליכער אונטערנעמונג.

אויפהאלטן, פארשטארקן די אידישע קולטור — דאס דארף זיין דער הויפּט־מאָטיוו פון דער באוועגונג. און אין יעדער אידישער ארגאניזאציע, אָדער אין דער גרעסטער מערהייט פון די אידישע ארגאניזאציעס, געפינען זיך א גאנץ־באדייטנדע צאָל פריינט פון אָנהייגער פון אידישען וואָרט, פון אידישען שאפן. דארף דערפאר אין יעדן באדייטנדן אידישן צענטער געשאפן ווערן צוערשט א קאָמיטעט אָדער אן איניציאטיוו גרופּע. אזא קאָמיטעט דארף דוקא נים באַשטייען פון צופיל מיטגלידער. פינף מענשן איז גענוג און צען איז אויך נים צופיל. די דאָזיקע גרופּע איניציאטאָרן דאַרף אבער זיין א קערנדיקע, א מאסיווע, מענשן־איינגעשפארטע וואס זאלן זיך נים אָפּ־

שטעלן פאר גארניט. אט די גרופע דארף זיך מעלדן צו דער עפנטליכ־קייט אלס אן אנפאנג פון א באוועגונג צו פארשטארקן די אידישע קול־טור און דארף זיך גלייך ווענדן מיט א רוף צו די עקזיסטירנדע אידישע פאלקס ארגאניזאציעס אויפ'ן פלאץ. עס דארף אויסגעארבעט ווערן א פלאן פון ענטשלאסענער אקציע. נאך דעם ערשטן רוף צו די ארגא־ניזאציעס — דארפן א ריי רעדנער זיך מעלדן צו די מיטינגען פון די פארשידענע ארגאניזאציעס. (פארשטייט זיך מיט דער געעריקער ערלויבניש פון די ארגאניזאציע אנפירער). עס דארף גלייכצייטיק אנ־געפאנגן ווערן א גרויסער און הילכיקער קאמפיין אין דער פרעסע און אויף דער ראדיא וועגן דעם געפאר־צושטאנד, וועגן קריזיס פון דער אידישער קולטור אין אמעריקע. עס דארפן אנגעוויזן ווערן די מאטיוון, וואס האבן געפירט דערצו און וואס עס דארף געטאן ווערן פאר אידיש היינט־צו־טאג אין אמעריקע.

ווי נאר די אקציע ווערט אונטערגענומען, דארף די ארבעט אוועק מיט א שלאגנדער טעמפא. ס'דארף גערופן ווערן א קאנ־פערענץ פון פארשטייער פון די פאראינטערעסירטע ארגאניזאציעס. א שטאט קאנפערענץ. פון דער קאנפערענץ ווערט ערווילט א שטאט קאמיטעט, און אט דער שטאט קאמיטעט וועט עס דארפן דורכפירן דעם געלט־קאמפיין צו שאפן פאנדן אויף צו אנטוויקלען א באנייטע טעטי־קייט פאר אידיש.

„אם אין קמח — אין תורה" — זאגט דאס בארימטע העברע־אישע שפריכווארט. אן קמח, אן געלט — וועט ניט מעגליך זיין אנ־צופירן די ארבעט גלייך פון איר אנהויב. דער געלט־דראייו פאר אי־דיש, אן אלגעמיינער שטאטישער דראייו, וועט זיכער זיין עפעס נייעס אויף דער אידישער גאס אין אמעריקע. און וואס ס'איז ניי אין אנקל סעמ'ס מדינה, האט א באזונדערן רייץ און צוציאונגס קראפט. מער ווי ערגיץ אנדערש אין דער וועלט איז דא אין אמעריקע באליבט יע־דער נייע ערשיינונג, יעדער נייער איינפאל, יעדע „נאוועלטי". אויף דער אידישער גאס איז דא אין לאנד געגבן אידן אויף אליץ. אויף יתומים הייזער אונטער די הרי חושך; אויף ערגיץ א ישיבה וואס איין גאט

וויסט וואו זי געפינט זיך; אויף א מושב זקנים פון א פאר אלטע לייט; אויף א אידישער אָרגאניזאציע ערגיץ אין אינדיע; אויף אן אנשטאלט ערגיץ אין כינע.

דארפן מיר ארויסקומען צו די אידן אין אמעריקע און זאגן: אידיש אלס א קולטור באוועגונג איז פונקט אזוי וויכטיק אויפצוהאלטן, פונקט ווי ס'איז וויכטיק פאר אונז אויפצוהאלטן וועלכע ניט איז אנדער באוועגונג. און כדי אויפצוהאלטן אידיש, דאס אידישע קולטור-וועזן, מוזן מיר האבן א פאָנד.

און אז מיר וועלן ארבעטן מיט גלויבן און מיט באגייסטערונג, וועלן מיר אזא פאָנד זיכער שאפן.

ווען דאָס הויז ברענט — פרענט מען ניט קיין שאלות, נאָר מ׳לעשט

כאָטש דיסקוסיעס און זוכענישן זענען וויכטיק — פאָדערט זיך איצט אָבער פראקטישע ארבעט. — מיר רעדן פשוטע דבורים.—דער ווירקליכקייט אנטקעגן אויפן וועג צו דערפאָלג.—

אין אונזער גאנצן פלאן ווי אזוי צו געפינען א וועג צו ראַטעווען אונזערע אידישע קולטור־פּאָזיציעס אין אמעריקע, האָבען מיר ניט גע־מאכט דעם מינדסטן פארזוך צו געבן א דעפיניציע פון אידישיזם, פון מאדערנער אידישקייט, פון אידישן אינהאלט, ווי ס׳איז לעצטענס געוואָרן א מאָדע צו טאָן. א גאנצע ריי בראָשורן, אָפּהאנדלונגן און ביכער זיינען דערשינען וואו די שרייבער דרייען מיט דעם גראָבן פינ־גער און זוכן צו געבן אן ענטפער און געפינען א באשטימטע פארמולע פאָר דעם. וואס איז אונז געווען און איז אונז נאָענט און טייער. אי־דישיזם אהער, אידישיזם אהין, פון וואנען קומט ער? וואוהין גייט ער? וואָס ווירקט אויף זיין אָפּשוואכונג, אויף זיין קראנקן צושטאנד?

זיכער זיינען דאָס אלץ ביז גאָר וויכטיקע פראגן, און מיר ווילן ניט מינימיזירן, אויף קיין האָר ניט פארקלענערן די וואָגיקייט פון אָט

די דעבאטן און אנאליזן. פונקט פארקערט — מיר האלטן אז די דים־קוסיעס זיינען ביז גאר לעבנסוויכטיק. ווייל ערגער וואלט נאך געווען, ווען מ׳וואלט שוין ניט גערעדט אויך אפילו.

וואס מיר ווילן אבער פון אונזער זייט זאגן, איז: עס ברענט א פייער. אונזער הויז ברענט. כדי צו ראטעווען אונזער הויז, מוזן מיר לעשן. מיר קענען זיך ניט פארגינען צו בלייבן רואיק שטייען און פרעגן: א פייער? ווער האט דאס פייער געמאכט? און וואס עפעס אינמיטן דערינען א פייער? און וואס זיינען עס די כעמישע און פיזישע עלעמענטן, וואס האבן געפירט צום פייער? און וואס מיינט אזוינס א פייער אין אלגעמיין?

וואס מיר דארפן טאן—איז פראסט און פשוט—פארקאטשען די ארבל און—לעשן. און אויב מיר האבן יע די סאמע מאדערנסטע פייער אפאראטן מיט וואס צו לעשן, איז אודאי גוט! אויב אבער ניט, וועלן מיר וואסער טראגן, ארויסשלעפן אונזערע פריינט און נאענטע פון די בעטן, כדי דאס פייער צו לעשן, כדי צו ראטעווען אונזער הויז.

און אט דערפאר טאקע האבן מיר עס די גאנצע צייט גערעדט פשוט׳ע דיבורים. אן צערעמאניעס, אן אנשטעל, מיר האבן „גערעדט ביזנעס.” און הלואי וואלטן מיר טאקע געקענט רעדן אין פולן זינען פון ווארט: ביזנעס. געשעפט. פארקויפן ביכער; פארקויפן בילעטן אין די טעאטערס; פארקויפן זשורנאלן.

הלואי.

כדי אבער דאס צו טאן, דארפן די אידישע קולטור־טוער זיך איינשפאנען אין וואגן און שלעפן אידיש ווידער בארג ארויף.

דער וועג איז א שווערער. א שטיינערדיקער. דער וועג פירט אבער צו ערפאלג. מיר דארפן בלויז האבן גלויבן און מוט. דאס איבעריקע וועט שוין אליין קומען.